# עונג שבת

## פרשת ויקרא תשס"ח

**גוט שבת אלע אידן.** די פאלגענדע מעשה איז א מורא'דיגע מעשה וואס ווערט דערציילט אין די אייגענע ווערטער פון דעם בעל מעשה אליינס הרב דוד גאלדוואסער (זיין עכטע נאמען) פון ברוקלין נ.י.

"...עס איז געווען א גוטע פאר שעות נאך חצות אין א ווארעמע נאכט אין חודש סיון. די טעג בין איך געווען מורא'דיג פארנומען, וועגן דעם בין איך געווען שטארק אויסגעמוטשעט און איך האב געוואלט שלאפן רוהיגערהייט, כדי זיך צו אפרוהן געהעריג. איך בין גלייך איינגעשלאפן אין א טיפן שלאף. אביסל שפעטער האב איך אנגעהויבן צו חלומ'ען. דער חלום איז געווען אזוי עכט, אז בשעת דעם חלום האב איך נישט געטראכט אז עס איז א חלום. דער חלום איז געווען אזוי:

אלעס האט פאסירט אין א פאר סעקונדעס. איך בין געווען פארענדיג אויף א הייוועי ערגעץ אין א קאר פון איינעם וואס איך האב נישט געקענט. דער קאר איז געפארן אויף די הייוועי, און איך בין געזיצען לעבן דעם דרייווער. עס איז געווען שפעט ביי נאכט און דער דרייווער איז געפארן גאר שנעל. פלוצלונג, האב איך באמערקט אז דער דרייווער האט צוגעמאכט זיין אויגן און ער איז איינגעשלאפן. איך האב געקוקט אויפ'ן הייוועי און איך האב געזען אז נישט ווייט איז געווען א שטארקער דריי אויף דעם הייוועי. עס זענען געווען קארס וועלכע זענען געפארן קעגן אונז אויף די אנדערער זייט פונעם הייוועי. פארשטייט זיך אז איך האב גלייך געשריגן אויף דעם דרייווער זאגענדיק: "וועק זיך אויף, וועק זיך אויף!" אבער לײדער, האט עס גאר נישט געהאלפן, ווייל דער דרייווער האט נאך מער אראפגעלייגט זיין קאפ, און ער איז נאך טיפער איינגעשלאפן. איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון, ווייל מיר זענען געפארן אזוי שנעל, און דער קאר האט אנגעהויבן צו פארן קעגן דעם דריי אין די הייוועי. איך האב אים שנעל פרובירט אויף צו וועקן און איך האב געשריגן: "וועק זיך אויף, ה' ירחם! וועק זיך אויף!"

מיט די ווערטער האב איך זיך אויפגעוועקט פון שלאף אין א קאלטן שוויס. איך האב געקוקט אויפ'ן זייגער לעבן מיין בעט און דער זייגער האט געוויזן "3:00" אזייגער אינדערפרי. ב"ה, עס איז נאר געווען א חלום," האב איך צו זיך געזאגט. דער חלום איז אבער געווען אזוי עכט אז עס האט מיך מעורר געווען תשובה צו טון. איך האב מיך מיישב געווען צו געבן צדקה.

די נעקסטע טאג אינדערפרי, האב איך געטראפן איינער פון מיינע בעסטע ידידים. ער האט מיך זייער אנגעשראקן מיט וואס ער האט מיך געזאגט: "דו וועסט קיינמאל נישט גלייבן וואס איז געשען נעכטן נאכט. מיין ברודער האט מיך גערופן נעכטן נאכט באלד נאך דריי אזייגער אינדערפרי. נעכטן נאכט איז ער געווען פארענדיג אויף דעם לאנג איילאנד עקספרעסוועי, אין די לעצטע שטיקל וועג אהיימקומענדיג פון נארט קאראליינע (א סטעיט בערך 6 שעה פון דא אויף די דרום זייט). עס איז געווען שפעט ביי נאכט, און עס איז געווען א לאנגע רייזע. ער האט מיך דערציילט ווי ער איז איינגעשלאפן בשעת'ן פארן. פלוצלונג, האט מיין ברודער געהערט אז איינער שרייט אויף אים: "וועק זיך אויף, ה' ירחם! וועק זיך אויף!"

"ב"ה, מיין ברודער האט זיך טאקע אויפגעוועקט פונקט בצייטענס, ווייל זיין קאר איז געווען פארענדיג קעגען א דריי אין דעם הייוועי. ער האט מצליח געווען צוריקצוהאלטן דעם רעדל און נישט אריינקראכן אין דעם זייט פונעם הייוועי. ער האט אויסגעשפילט דעם מלאך המות, ווייל ער איז געווען אויפ'ן וועג צו מאכן אן עקסידענט, דער אייבערשטער זאל אפהיטן." האט דער חבר פון הרב גאלדוואסער דערציילט ווייטער פאר הרב גאלדוואסער, "מיין ברודער, ווי דו ווייסט איז נישט געווען קיין פרומער, און איז געווארן א בעל תשובה אויפ'ן פלאץ! און ער האט געפרעגט ווי אזוי קען ער באדאנקען השי"ת פאר די נס וואס ער האט געטון פאר אים. איך האב אים געזאגט אז ער זאל קודם כל געבן צדקה!" האט דער חבר פון הרב גאלדוואסער געענדיגט דערציילן פאר הרב גאלדוואסער.

"איך בין געווארן אזוי איבערראשט ווען איך האב געהערט מיין חבר'ס מעשה." דערציילט הרב גאלדוואסער ווייטער. "ווייל איך האב געדענקט מיין חלום פונקטליך. איך האב דערציילט מיין חלום פאר דעם חבר, און מיר זענען ביידע געווען ערשטוינט, אז מיינע שרייען אין חלום זענען אנגעקומען צו יענעם בשעת מעשה! און דאס האט אים געמאכט פאר א בעל תשובה! (פון "מעשים של התעוררות", הרב דוד גאלדוואסער, עמ' פא)

די עיקר פון דער פרשה די וואך איז די קרבנות. דער ציל פון א קרבן איז צו מקרב זיין א איד צום אייבערשטען, אזוי ווי עס איז מרומז אין דעם ווארט "קרבן" וואס האט אין זיך דאס ווארט "קרוב" – נאנט. די מעשה ווייזט אויף א מורא'דיגע אופן ווי איין איד איז מקורב געווארן צום רבונו של עולם. דורך ליינען די מעשה קענען מיר אויך מתקרב זיין צום אייבערשטען, ווייל די מעשה ווייזט ווי ווייט מיר דארפן גלייבן אז עס איז דא א פונקטליכע השגחה פרטית אויפ'ן וועלט.

וויבאלד אז מיר דערנענטערן זיך צום הייליגן יום טוב פורים ווען איינע פון די עיקר מצוות דעמאלט איז צדקה, איז אויך כדאי דא צו דערמאנען וועגן די ריזיגע מצוה פון צדקה. היינטיגע טעג האבן מיר נישט קיין קרבנות (מיר האפן און דאווענען אז מיר זאלן שוין זוכה זיין צום בית מקדש בקרוב ממש).

דער הייליגער באשעפער האט אונז אבער נישט אויסגעשפילט לגבי די קרבנות. דאס הייסט, אז היינטיגע טעג ווען מיר קענען נישט ברענגען די קרבנות ממש, קענען מיר כאילו ברענגען די קרבנות דורך טון חסד און געבן צדקה. חז"ל זאגן אפילו, אז טון חסד איז מער חשוב צום אייבערשטען ווי ברענגען א קרבן. אויב אזוי מוז מען זיך נתעורר ווערן צו געבן צדקה וויפיל עס איז שייך. היינטיגע טעג קען מען מקיים זיין די מצוה פון געבן צדקה יעדען טאג אין בית מדרש, למשל. מען קען אפשר טוישן היינט די סדר פון די ווערטער אין חז"ל פון "כל הפושט יד..." צו "הכל פושט יד..." ווייל עס איז דא לײדער אזוי סאך נצרכים. עס איז דא איין ארגאניזאציע וואס נעמט צוזאמען מתנות לאביונים, דער קרן הייסט "וחי אחיך." יעדער איינער קען זיך מעלדען מיט זיין נדבה צו איינעם פון די גבאים*** פון "וחי אחיך" דא אין שטעטל. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר יודל ליכטער שליט"א לרגל שמחת נשואי נכדו בשעטומ"צ

נתרם לרפו"ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים • לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)**

דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)

***די גבאים זענען מוה"ר ר' יודל ליכטער שליט"א, מוה"ר ר' יושע ברויער שליט"א, מוה"ר ר' מענדל ניצליך שליט"א, וגם המחבר של דף זו.